**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## אזוי ווי טיטל 42 לויפט אפ, טוט גאווערנער האקול ארויסגעבן עקזעקיוטיוו באפעל וואס שטעלט צו פאר סטעיט און מיוניסיפאליטיס מער בויגזאמקייט צו שטיצן ערווארטעטע אנקום פון אזיל-רעכט זוכער אין ניו יארק

### *נייע עקזעקיוטיוו באפעל וועט הייבן שטיצע פאר אזיל-רעכט זוכער דורכן פארברייטערן סטעיט און מיוניסיפל שאפונג מעגליכקייטן און הייבן די הערכסטע שטאפל פון נאציאנאלע גארד צו צושטעלן פראקטישע הילף*

באפעל וועט ערלויבן סטעיט צו שנעל ארײנלייגן אין דינסט איבער 1 ביליאן דאלער צו שטיצן ניו יארק סיטי'ס הילף באמיאונגען וואס זענען אריינגערעכנט אין די FY24 סטעיט בודזשעט.

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן אן עקזעקיטיוו באפעל צו העלפן צושטעלן הילף פאר אזיל-רעכט זוכער וואס זענען ערווארטעט צו אנקומען אין ניו יארק וויבאלד פעדעראלע טיטל 42 אימיגראציע פאליסי וועט אפלויפן אום מאי 11. דער עקזעקיוטיוו באפעל וועט צושטעלן פאר די סטעיט מער בויגזאמקייט צו שאפן די ריסאורסעס וואס זענען נויטיג פאר מיוניסיפאליטיס צו שטיצן אזיל-רעכט זוכער בשעת'ן אויך ערלויבן די סטעיט צו הייבן דעם צאל נאציאנאלע גארד סערוויס מיטגלידער וואס שטעלן צו פראקטישע און פונקציאנירנדע שטיצע.

"פאר איבער א יאר, האבן מיר געארבעט נאנט מיט מעיאר עדעמס צו צושטעלן שטיצע און אדוואקירן פאר פעדעראלע ריסאורסעס צו אדרעסירן די גרויסע צאל אזיל-רעכט זוכער וואס קומען אן אין ניו יאָרק סיטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעצט אז טיטל 42 האלט ביים אפלויפן, זענען די אומשטענדן אויף דער ערד ערווארטעט זיך צו באדייטנד טוישן און דער עקזעקיוטיוו באפעל וועט זיין א וויכטיגע טייל פון אונזער קאארדינירטע רעאקציע. איך האב גערעדט מיט מעיאר עדעמס און קאַונטי עקזעקיוטיווס דורכאויס ניו יארק אזוי ווי מיר ארבעטן צו אדרעסירן די סיטואציע"

א קאָפּיע פון די עקזעקטיוו באפעל קען מען געפונען [דא](#).

עקזעקטיוו באפעל 28 ערלויבט די סטעיט און לאקאליטיס צו שנעל רעאגירן צו די ערווארטעטע אנקום פון אזיל-רעכט זוכער. עס וועט ערלויבן פאר ניו יארק סטעיט צו מאביליזירן נאך 500 מיטגלידער פון די נאציאנאלע גארד, וואס טוען יעצט צושטעלן פראקטישע און פונקציאנירנדע שטיצע ביי די פארט אויטאריטעט און שעלטערס, ברענגענדיג דעם סך הכל מאביליזאציע צו אומגעפער 1,500 סערוויס מיטגלידער. עס וועט אויך ערלויבן די סטעיט און לאקאליטיס צו שנעל קויפן נויטיגע סופלייס און ריסאורסעס, אריינרעכענענדיג עסנווארג און עקוויפמענט.

גאווערנאר האקול האט געארבעט מיט די לעגיסלאטור צו פארזיכערן איבער 1 ביליאן דאלער אין באצאלונג צו העלפן ניו יאָרק סיטי שטיצן אזיל-רעכט זוכער אין די FY24 בודזשעט, און די נייע

עקזעקיוטיוו באפעל וועט ערלויבן סטעיט און מיוניסיפל באאמטע צו שנעל מאביליזירן די ריסאורסעס צו אדרעסירן דעם גרויסן צאל אזיל-רעכט זוכער וואס זענען ערווארטעט צו אנקומען נאך טיטל 42 לויפט אפ. דאס נעמט אריין 741 מיליאן דאלער פאר שעלטער קאסטן, 162 מיליאן דאלער צו שטיצן די אנגייענדע נאציאנאלע גארד אנוועזנהייט, 137 מיליאן דאלער אין העלט קעיר דורך NYC Care, 26 מיליאן דאלער אין פובליק הילף, 25 מיליאן דאלער פאר די פרייוויליגע איבערלייגונג פון פאמיליעס צו פערמענאנטע האוזינג און נאך 5 מיליאן דאלער פאר פארמערטע שטיצע דורך די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף, און 10 מיליאן דאלער פאר לעגאלע הילף דורך די אפיס פון נייע אמעריקאנער.

גאווערנאר האקול האט כסדר געשטופט פאר נאך פעדעראלע הילף, ספעציעל לגבי פאנדינג און קורצערע ווארט צייטן איידער אזיל-רעכט זוכער קענען לעגאל ארבעטן. גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע האבן אויפגעברענגט די אישו דירעקט מיט פרעזידענטביידען, DHS סעקרעטארשע מעיארקעס, שטאב הויפט זיענטס, געוועזענע שטאב הויפט קלעין און אנדערע.

זינט אזיל-רעכט זוכער האבן אנגעהויבן אנקומען קיין ניו יארק פאריגן אפריל, האט גאווערנער האקול צוגעשטעלט באדייטנדע שטיצע צו ניו יארק סיטי'ס באמיאונגען. דאס נעמט אריין מאביליזירן איבער 1,000 מיטגלידער פון די נאציאנאלע גארד צו צושטעלן פראקטישע און פונקציאנירנדע הילף, מאכנדיג א טייל פון די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל אוועילעבל אלס א באגריסונגס צענטער פאר נייע אנגעקומענע און מאביליזירן MTA באסע צוצושטעלן טראנספארטאציע הילף צווישן שעלטערס. אין צוגאב, טוט די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ווייטער צושטעלן שטיצע פאר ניו יאָרק סיטי און אלע אפעקטירטע געגנטער צושטעלנדיג שעלטער און אנדערע סערוויסעס. די סטעיט ארבעט ווייטער מיט ניו יאָרק סיטי אויף אויסוועלן פאסיגע סייטס אינערהאלב די סיטי צו שעלטער'ן אזיל-רעכט זוכער אזוי ווי זיי קומען אן און ערווארטן לעגאלע ארבעט סטאטוס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן